**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו שטיצן דזשאָב געלעגנהייטן אין ניו יארק סטעיט און העלפן דזשאָב זוכער אויסזוכן נייע ארבעט געלעגנהייטן

***לעגיסלאציע (A.8458A/S.6803A) גיבט ערלויבעניש פאר׳ן לעיבאר דעפארטמענט צו שאפן א פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין צו שטיצן ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס וועט העכערן פובליק באוואוסטזיניגקייט אויף דזשאָב געלעגנהייטן אין ניו יארק סטעיט. לעגיסלאציע (A.8458A/S.6803A) וועט געבן ערלויבעניש פאר׳ן ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אויסצוארבעטן א פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין וואס וועט שטיצן דעם ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק. דער ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק איז אן אָנליין רעסאָרס אויסגעהאלטן דורך דעם NYSDOL צו באהעפטן דזשאָב זוכער מיט איבער 250,000 דזשאָבס לענגאויס אלע אינדוסטריעס.

״ניו יארקער האבן אן ערשטראנקיגע מיטל ביי די שפיץ פינגער צו פארבינדן טאלאנטפולע דזשאָב זוכער אויף באדייטנדע באשעפטיגונג, און אדאנק די ביל ספאנסירער, וועט די לעגיסלאציע אונז העלפן פארשפרייטן דעםווארט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך מוטיג ביזנעסער וועלכע האבן נישט געניצט דעם ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק זיך אנצושליסן מיט די הונדערטער אנדערע ארבעטסגעבער וועלכע האבן געליסטעט זייערע דזשאָבס געזען דורך צענדליגע טויזנטער קאנדידאטן.״

לעגיסלאציע (A.8458A/S.6803A) וועט געבן ערלויבעניש פאר׳ן ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט צו שאפן א פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין וואס וועט שטיצן דעם ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק, וואס וועט בעסער פארבינדן דזשאָב זוכער מיט אויפנעמען. דער פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין וועט צוגעשטעלט ווערן דורך פארשידענע מיטלען, אריינגערעכנט אינטערנעט, ראדיא, פלאקאטן, און נאך. עס פאדערט אויך פון NYSDOL צוצושטעלן פאר׳ן גאווערנער און לעגיסלאטור א באריכט אויף אקציע טריט גענומען דורך דעם קאמפיין און דארף אידענטיפיצירט ווערן פאר צוקונפטיגע פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיינס. די לעצטע אונטערנעמונג איז מוסיף צו NYSDOL׳ס אנגייענדע באמיאונג צו העלפן ניו יארקער געפונען קאריערעס וואס זיי ליבן, אריינגערעכנט אנגייענדע אויסזוך-ארבעט דורך סאָושעל מידיע, נייעס-בלעטלעך, און דירעקט אימעיל / טעקסט מעלדונגען צו דזשאָב זוכער איבער׳ן סטעיט.

דורך באזוכן דעם דזשאָב באנק וועבזייטל, קענען ניו יארקער ארומזוכן פון איבער 250,000 אפענע דזשאָבס לויט די לאקאציע, דזשאָב טיטל, און קאמפאני נאמען. נאך דזשאב זוכעריי און קאריערע אנטוויקלונג כלים זענען געווידמעט צו העלפן מענטשן פלאנירן זייער צוקונפט, ארגאניזירן זייער דזשאב זוכעריי, שרייבן רעזומעיס און זיך באקענען מיט קאריערעס.

ביזנעסער פון גרויס ביז קליין ווערן געמוטיגט אויסצוניצן דעם אומזיסטן אָנליין סערוויס צו ליסט׳ען די פאזיציעס פאראן, וועלכע וועלן געזען ווערן דורך צענדליגע טויזנטער הויך-קוואליפיצירטע ניו יארקער דזשאָב זוכער.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״איך דאנק גאווערנער האוקול פאר׳ן ווייטער זיין א שטיצער פון דעם ניו יארקן ארבעטסקראפט. איך מוטיג ניו יארקער וואס זוכן א נייע קאריערע אויסצוניצן דעם מאמענט פון פרעצעדענטלאזע געלעגנהייט. מיט אזויפיל פאזיציעס פאראן לענגאויס דעם עקאנאמישן ספעקטרום איבער׳ן סטעיט, קענען מיר אייך העלפן געפונען א קאריערע וואס וועט אייך גאר געפעלן.״

**סטעיט סענאטארקע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** ״דער סטעיט ניו יארק טוט אנבאטן הילפס-מיטלען צו העלפן דזשאָב זוכער געפונען א נייע קאריערע, און צו העלפן ארבעטסגעבער געפונען א גרעסערע מאס טאלאנט, אבער ליידער ווייסט נישט יעדער דערפון. דורך שטיצן דעם סטעיט דזשאָב באנק קענען מיר העלפן נאך ניו יארקער זיך פארבינדן מיט נייע געלעגנהייטן און געפונען באדייטנספולע באשעפטיגונג, און איך שטאלציר מיך צו ספאנסירן לעגיסלאציע וואס וועט העלפן טאן גענוי דאס. איך בין דאנקבאר פאר מיין צוזאמארבעטשאפט מיט אסעמבלימאן סטירפע אויף דעם ביל, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט אין עס איינשרייבן אלס געזעץ.״

**אסעמבלי-מיטגליד אל סטירפע האט געזאגט,** ״די פארלאפענע צוויי יאר זענען געווען אויסערגעווענליך שווערע פאר אונזער סטעיט׳ס ביזנעסער און דזשאָב זוכער. צו העלפן פארשטערקערן אונזער לאנג-טערמיניגע ערהוילונג, בין איך שטאלץ צו ספאנסירן דעם ביל וואס פאדערט פון דעם ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אוועקצושטעלן אן ארייננעמיגן רעקלאמירונג קאמפיין פון מערערע שיכטן צענטרירט אויף דעם ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק. דאס וועבזייטל דינט אלס א האָב פאר אלצדינג, ארייננגערעכנט רעקרוטירונג געלעגנהייטן, קאריערע פלאנירונג, וועטעראן ספעציפישע רעסאָרסן, און ארבעטסלאזיגקייט הילף. די לעגיסלאציע וועט העלפן אויפלעבן די פארבינדונג צווישן ביזנעסער און פאטענציעלע ארבעטער. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ און פאר איר שטאנדהאפטיגע שטיצע פון אונזער סטעיט׳ס ארבעטסקראפט בשעת מיר ערהוילן זיך.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418